L. Ram

# בעיסיק פעקטס אבאוט יידיש

/ צום ארטיקל פון קאדיע מאלאדאווסקי: דער קורצער וועג - און דער לענגסטער... /

זיך יוואָ האָט ארויסגעגעבן אויף ענגליש א קליינע בראָשור: פאקטן-ידיעות וועגן יידיש.
א בראָשור, וואָס אן ענגליש-רעדנדע יוגנט אָרגאניזאציע האָט באשטעלט און די ענגליש-
רעדנדע יוגנט, האָט מיט א געוויסן אינטערעס אויפגענומען. די 4-טע אויפלאגע סומירט דעם
... פון פופצן טויזנט געליינטע עקזעמפלארן. דאכט זיך, אזויפיל, וויפל א ל ע יידישע
... אין די פארייניקטע שטאטן, האָבן תלמידים-ות אויף זייערע -צום אמעריקאניזירטן לעבן
צוגעפּאסטע -עטלעכע שעה א וואָך, פאר יידיש און יידישקייט בעיסיק-פעקטס לימודים.
אן עקזעמפלאר פון דער כולו תורה, חכמה ואהבת-יידיש על רגל אחת, האָט געטראָפן צו דער
פול תורה, חכמה ואהבת-יידיש דיכטערין און לערערין קאדיע מאלאדאווסקי. און -ש א ר ף
געטראָפן!

אָט דאָס קאלטע פייערווערק - פרעגט קאדיע מיט ווייטאָג און פארדרוס -אָט דאָס איז
א ו נ ד ז ע ר יייוואָ-וואריאנט פון כולו יידיש-תורה על רגל אחת, נ א ך רב הללס בעיסיק
פעקטס-מוסטער פון כולו-יידישקייט, וואָס לייבט און ציינדט דורך אזויפיל דורות?

אזוי מסתמא, און אפשר נאָך שארפער און נאָך ווייטאָגדיקער, האָט ניט איין קאדיע, וואָס האָט
זיך אויסגעלעבט אין דער גרויסער, גאנצער וועלט פון כולו ת"נ"ך-יידישקייט, געשטעלט קשיות
רב הללן, ווען דער גרויסער תנא האָט אונדזערע תורה נביאים וכתובים פארפּוסערט" פאר
דער פארגויעשטער וועלט, צו א י י ן ואהבת לרעך כמוך-כולו תורה אויף איין פוס.
און כלומרשט מיט דעם, געגעבן א היתר פאר לייכטגלויביקע, מתיר צו זיין פון אלע אנדערע
חוקים בישראל...

איז אוודאי אנגענעם, וואָס אונדזער דור איז נאָך גאָרניט אזוי כולו-חיב, אויב ער פאר-
מאָגט נאָך אזעלכע טייערע קאדיעס, וואָס קענען ניט און ווילן ניט מתיר זיין אויף קיין לאו
פון אונדזער יידישער יידישקייט. און - ארויסגייענדיק פון ד ע ר הנחה, וועלן זיין ניט
גאָר אומגערעכט יענע, וואָס וועלן אויף אזא בעיסיק-פעקט, ענטפערן צוזאמען מיט אונדזער
קאדיען -ניין! און ניט מער אומגערעכט, וועלן זיין יענע, וואָס וועלן ענפערן מיט אונדזער
יוואָ - יאָ! און אפילו ניט גאָר אומגערעכט וועלן זיין ד י, וואָס וועלן ענטפערן ניט אזוי און
ניט אנדערש. וואָס קאָנען בכלל ניט ענטפערן, וויל -דער ענטפער שטייט זיי ווי א ביין אין האלדז...

~~אָבער~~ ווי צושטימיק קאדיעס טענות זאָלן ניט זיין מיט אונדזער געפיל, אזוי ניט איינ-
שטימיק ... מיט זי, ... דער פראקטישער שכל.

באטש איך בין איינער פון די גרינע" אמעריקאנער יידן (ביי וועמען די גרינע געגנדזיגע
פּיס, שטייען ביי דער אמעריקאנישקייט און ניט ביי דער יידישער יידישקייט), פאר וועמען די יוואָ
ליב און אנגענעם ווי קאדיען, קאָן איך פונדעסטוועגן מיט קאדיעס יוצא מזה, נ י ט מסכים ז
זיין. צוזאמען מיט א היפש ביסל יידישע יידן, מוז איך פארפלייבן צווישן די לעצטע, זיך אונטע...
צושרייבן אונטער דער מאר א ו נ ד ז -אָבער בשום אופן ניט, ל ג ב י דער אמעריקאנער
יוגנט - גערעכטער קריטיק פון די יידישע רעקלאמע-בלעטלעך".

מעגן די בעיסיק פעקטס זיין אויף אונדזער קאץ און אונדזער בריוול, טאָרן מיר אָבער
דערביי ניט פארגעסן, אז מיר -יידישע יידן- זיינען דערביי נ י ט די מאָגעבער נאָר בלויז
א מאָסנעמער: דאָס בריוול איז אינגאנצן פאר-דער קאץ א נאש צו טאָן, ניט מער!
פאר ז י ך, ליבע קאדיע, דארפן מיר ניט קיין בעיסיק פעקטס. ניט די און ניט קיינע שום
אנדערע פון דעם מין. אָבער צו אונדזער פארפרעמדטער יוגנט, מוזן מיר היינט זיין גרייט,
צו טראָגן אונדזער יידיש און יידישקייט מיט א ל ע מעגלעכע און ג א נ ג א ב א ר ע
מיטלען, ביז ווי לאנג, זיי זיינען אונדז גרייט אויפצונעמען און מיר האָבן די מינדסטע
מעגלעכקייט זיי צו דערפעגענטערן.

ווי מיזעראבל אונדזער יידיש איז ניט אין דער דערמאָנטער יוואָ-בראָשור רעפּרעזענטירט,
הלוואי, האלט שוין דער יוואָ ביים 150 טויזנטדיקן עקזעמפלאר פון אָרעמינקן אלף-בעיסיק
פעקט. און הלוואי קומט שוין צו דעם, פון דער אמעריקאנער יידישער יוגנט באשטעלטן אלף, דער
באשטעלטער בייז, גימל און דאלעד פון א גאנצער סעריע אזעלכע בראָשורן, וואָס זאָלן פאר א
פופצן טויזנטדיקן קרייז פאראינטערעסירטע ענגליש-רעדנדע יידישע יוגנטלעכע ז אָ ג ן
מענינים דערגעשיכטע ודיומאָ יידיש און יידישע קולטור. ז אָ ג ן, פארשטייט זיך אמאָל ערגער
און מיט דער צייט, בעסער און בעסער, אינטערעסאנטער, געניויער און מיט מער חסידות פון
... צ ו אונדזער יידיש-יידישקייט.

מען קאָן מסכים זיין מיט קאדיען, וואָס שייך נייטיקע ענדערונגען אין געוויסע דעפיניציע
... ארויסדרוקן אין דער בראָשור. וואָס זאָלן די אויפן שפּיץ-גאָפל ידיעות, פינקטלעכער מאכן
... טאקע אויך א ביסל יידישלעך פארהארציקן. דאָס, איז א זאכלעכער פארשלאָג, וואָס קאָן דעם
... בלויז באהילפיק זיין.

...ז זיך דא...

אבער האספארא הילך פריינגען און האספארא הערט האבן, אזעלכע ז י כ ע ר ע  א ו י ס-
פירן, ה': אז נים נאר איז דער עצם דערשיינען פון דער בראשור א גרויסער ח ס ר ו ן,
א שערלעכער פרוט און אן אומזיסטע טירחא, נאר דער גאנצער ענין פאפולאריזאציע" א ל ז
איז א ברכה לבטלה. א"ל. אבאוט "ידיש און ידישע קולטור, קאן בכלל זיך געמאלט זיין קיינ
פאפולאריזאציע - ס ע ד ע ר קורצער וועג, איז סותר דעם עכטן, אמתן און איינציקן שטערן
און ט י פ ן וועג.
אין ט י ף ן אונדז, האט דאס אין ארענדע די פינקטלעכע און זיכערע מאס, אויסצומעסטן
ט ע ר פון אונדז ליכט און רויק אפצושאצן און אפריער אפצוזאגן דעם לעבן [illegible]
אפצווועגן און פאפולאריזאציע. ארונטערנעמענדיק זי א ל ע אונטער "אין טראפנס [illegible]
פרוט פון פאפולאריזאציע פיסט
אויך גענדזענעס פיסט [illegible] מיט רב הלל "ידישקייט-"
מיר פרוון נים "חלילה" פארגלייכן [illegible] דער עצם פאקט פון דער מאס
פארמול, אבער די גוטע כונה, פארגלייכט פאפולאריזאציע פון דער גרויסער, שווערער
קאנגלאמעראט "ידישקייט" - פארמול, [illegible] קאדיש ווייל אונדז און
אין מיספר הורה, איז גאר נים אזוי אפיקורסיש און געפערלעך, [illegible]
זיך אין היסטאריקן כעס איינזשמוסטן. בפרט נאך, אין [illegible]:
סיטל וועלכן קאדיש שטעלט א " נ צ ר ק אנטקעגן [illegible] - די בעטערע
צו פארבלייבן זיך אויסטרויען מיט געדולד אין פארטיפטער ארבעט,
פון דור, וועלן קומען צוריק צו זייער מקור.
[illegible]

- 2 טע זייט -

א מאָדנער שטײַגער,האָט זיך אײַנגעשטעלט בײַ אונדז : וויל ווער זײַן געשעצט און געערט און
האָבן א רויִקן עלטער,מוז ער די "קהלישע געשעפטן" לאָזן גיין ווי עס גייט.שטיין,וו מען
שטייט און ניט שטערן קיינעמס רויִקן דרימל.ווער,עס רודערט נ י ט קעגן שטראָם פון שווימיקן
צײַט-וואַסערל,ד ע ם,וועט א האָר פון קאָפּ ניט געריפּט ווערן.פרוּווט אָבער עמעץ א מחוצף אראָפּ
פון לייטישן וועג,פאַרטראַכטן עפּעס נײַס,אײַנגאַרטיקס,אויספּרוּוון עפּעס אַנדערש מחוץ לדרך
הטבע,איז ער פאַרזיכערט מיט א ז א צאָל קעגנער און קריטיקער,וואָס הלוואַי העלפט אין דער
אויבערשטער מיט א העלפט - וואָס רעד איך,א פערטל - אַזוינגער און מיטהעלפער,פון דער צאָל
קריטיקער מיט וועלכע ער איז געבענטשט און "ער וואָלט געווען פאַרזאָרגט מיט בײַדע וועלטן.
אט איז שוין דאָס "יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן" אין די פאַריניקטע שטאָטן אריבער המישים.
און א האַלבן יאָרהונדערט,ווי מען איז דאָ מיט שאַרפער "יידישער פּקחות,קלוג און אויסגעהאַלטן
פּאָליטיק בודק און אלזײַטיק מבטל א ל ע מײַני פּרוּוון און פּרוּוועלעך,צו שטאַרקן "יידיש און
"יידישקייט" אין" אמעריקאַנער וויל-לעבן:
- סטעט ניט אָנגיין! ט'קען ניט אָנגיין" און - סאיז נ י ט אָנגעגאַנגען!
- די חכמים האָבן געטראָפן און טרעפן אין פינטל ביזן הײַנטיקן טאָג: סגייט ניט אָן!
די חכמים האָבן געטראָפן און טרעפן אין פינטל ביזן הײַנטיקן טאָג: סגייט ניט אָן!
אז אַך און ווי צו ז י י,צו אונדז און צו ד ע ר חכמה!
אפשר,אפשר צײַט געקומען,אויף א שטיקעלע נאַרישע פּערעדישקע" ? לאָזן צו אלע מײַני פּרוּוון
זאָל נעגעבן ווערן,אויב ניט קיין פּיסעלע הילף,קיין דערמוטיקונג און דערמוטיקונג,איז
כאָטש א שטיקעלע ר ו י ק ע צײַט,א ז קלוגע דיאַגנאָזן,וואָס זאָגן אָפּ דאָס לעבן נאָך אין דער
מאָמעס בויך.
אויב מיר זײַנען שוין יאָ,כלנו חכמים,כלנו נבונים,כלנו זקנים און - כ ל נ ו יודעים
את התורה,אפשר איז אויך מצווה עלינו,לכל המרבה לספר ולעשה עפּעס צו שטאַרקן אונדזער
"יידיש און "יידישקייט" - הרי זה משובח! א פ ש ר ?
איז דאָך נאָך אלעמען,דער "יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט,טעטיק בלויז 7 גוטע יאָר"
אין די פאַריניקטע שטאָטן און ער האָט שוין קריטיקער און קעגנער צו א ל ץ",וואָס ער
פּרוּווט פאַרנעמען( און אפילו צו דעם,וואָס עמיצן דוכט זיך אויס,אז דער "ייוואָ ק ל ע ר ט
צו פאַרנעמען),מ ע ר,וויפל די גרויסע זקנים-אינסטיטוציעס פאַר "יידיש און "יידישקייט,
פאַרמאָגן" אין די שטאָטן.
" דאָס,וואָס איך קאָן נאָך וועמען מוחל זײַן,אין זײַן באַציִונג צו "יידיש און "יידישע קולטור,
קאָן איך דעם "ייוואָ ניט מוחל זײַן,איז זיך צביון מודה אין זײַנע "יידישע אינטערעסן".און
וויפל "ייוואָ"קריטיקער מוען דאָס זעלבע בּיורעים ולא מודים!
פונוואַנען,אזא פּליצע-מאָגערי צום זיבעציקן גרינעם" ייוואָ און דערבײַ אזא שטילשווײַג-
עניש צו די אלטע ,פונדאַמענטאַלע "יידיש און "יידישקייט"-אינסטיטוציעס אין די שטאָטן?
איז דאָס ניט א פּיסעלע פאַרדעכטיק,וואָס מען קאָן כמעט ניט געפינען קיין אָפּהאַנדלונגען
מיט מער-ווייניקער קלאָרע חשבונות ווו מען האַלט מיט "יידיש און "יידישקייט" אין יעדער אינסטי-
טוציע באַזונדער:אין י ע ד ן אָרדן,אין יעדער באַוועגונג,אין י ע ד ע ר שול-צענטראַלע
און אָן און ארום יעדער שול.אין י ע ד ן "יידישן טעאַטער,אין י ע ד ן "יידישן פאַרלאַג,
צײַטונג,לאַנדסמאַנשאַפט,פאַרײַן,קלוב א.א.וו.א.וו.
משוגע מײַנע שונאים!
מילא,טעאַרעטישע איבערזיכטן,ווו עס האַלט מיט "יידיש און אונדזער לעבן און ל ע ב ן
אין "יידיש ב כ ל ל",נו דאָס קאָן מען זיך נאָך דערלויבן.אָבער וועלכער משוגענער וועט
דאָס פּלוצלינג ארויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אזא שטיק פּובליציסטי,אז אין זײַן מיט
אזויפיל מי און מסירת נפש געבויטער וועלט,פײַפט אצינד דער גײַסטיקער דלות און סאיז
א בראָך צו אים און צו אונדז א ל ע "יידיש טאַטע-מאַמע,סאַראַ י י ד י ש ן דור,צום פאַר-
בײַט,מיר האָבן דערצויגן! אז - אָן אום פאַרא זיך,איז דאָך בײַ אונדז: י ע ד ע ר אָרדן,
א פעסטונג פון "יידיש לעבן און שאַפן. י ע ד ע ר פרענטש -א פאַרט-דיקונגס-טורעם!
י ע ד ע ר טשערמאַן -א קריגער אויף דער וואַך! א ז - י ע ד ע ר "יידישער צײַטונג
און זשורנאַל שטייט אויף פעסטן באָדן,ארומגערינגלט פון די ברייטסטע "יידישע פאָלקס-
מאַסן.אז - י ע ד ע טעאַטער פאַרשטעלונג -איז א סוקסעס פאַרן "יידישן טעאַטער! י ע ד ע ר
"יידישער בוך -א דערפאָלג און צוגײַט אין נאָך ניט געזעענע טיראַזשן. י ע ד ע קלעזמער-שולכל
א קוזינע פון "יידישקייט! און - און דער גאַנצער אומגליק אונדזערער,שטעקט גאָר אין דער
שלים-שלימזלדיקער צ ו כ ה א ל ט ע ר י ע,וואָס גיט אין דער אונטערשטער שורה,אזעלבע
משוגהדיקע סך הכלען,אז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער און די פּיס ברעכן זיך אונטער פון
ד ע ר פ א ל ג !
גראַד,אָט די שטעכיקע בעיסיק פאַקטס אַבאַוט "יידיש-סך הכלען אויף אמעריקאַנער ערד,
גייען דעליקאַט פ א ר ב ײַ און נעמען ניט אַרײַן אין רעכענונג,סײַ דער "ייוואָ אין זײַן
בראָשור און סײַ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין איר שאַרפער קריטיק. און - מ'שווײַגן מיט זיי
צו אין באַר,136 קולטור טוער און וואַרט-זאָגער פון א ל ע ריכטונגען,וועלכע טראָגן
(אײַנער מ ע ר און דער אַנדערער ווייניקער,אָבער - א ל ע אָן א ו ס נ א מ ) אזא
גרויסע/אחריות פאַר דער אונטערשטער שורה און פאַרן -און וואָס ווײַטער?
מאָס/



א.ס. וואַסאַזאַ

דער אײנציגער ... קײם ... איז, װאָס אויב די אמעריקאַנער
זיך אָפּ פון ... גלײַכגילטיק ...

און – גראָד אויף אָט די בעיסיק פּעקטס אַבאַוט "ייִדיש–סך הכּלען פון ר ע א ל ן ייִדיש – לעבן
אין די שטאַטן, מיט װעלכע די אַמעריקאַנער ייִדישע יוגנט טרעפט זיך פּנים אל פּנים אויף טריט
שריט, גראָד אויף זײ, באַדאַרף די יוגנט פריער פון אַלץ און מ ע ר װי אויף אַלעם אַנדערש,
אַ קלאָרע ענטפער–דערקלערונג: װ א ר ו װ אָ ס און צ ו ל י ב װ אָ ס, א ז ו י ? און –
צ ו ל י ב װ אָ ס און װ י א ז ו י, דאַרף און קען דאָס א נ ד ע ר ש זײַן? /געבן
און ד ע ם ענטפער "מוזן מיר" מיט גרויס װיטאָג סודה זײַן "קאָנען לײדער נישט/און
װעלן נישט פאַרבײַטן, נישט די און נישט װעלכע סאַיז אַנדערע(אַן אום פאַר זיך, מעג זײַן װי
גלונגענע) שטרעבונג װיסנשאַפטלעכע בעיסיק פּעקטס אַבאַוט פ א ר ג א נ ג ע נ ע ם ייִדיש–לעבן
און דאַסגלײַכן נישט, די האַרציקסטע טרוימען װעגן אונדזער מאַמע–לשון פון די טײַערע קאַריעס
און איר גלײַכן. העכסטנס, קאָנען זײ נאָר פאַרזיסן דעם ביטערן פּיל און זײַער װײניק מער.
$$$$$ ביז די עצם–עקזיסטענץ פון אונדזער ייִדיש לשון און ייִדיש לעבן אין א ל ע אומעטומען
און אין די שטאַטן – אין דער ערשטער רײ – װעט נישט באַקומען קײן אַנדער לעבעדיקערן מענטש–
לעכן פּנים, קאָנען קײנע שום טעאָרעטישע בעיסיק פּעקטס נישט ריידן מיט דער נויטיקער איבער–
צײַגונג, װאָס עס פאַרמאָגט נאָר אײנציק דער לעבעדיקער פאַקט.
אָבער, דוכט מיר, אַז סײַ דער "װאָ און סײַ זײַנע קריטיקער, גלויבן שוין אַלײן װײניק אין
דער גאולה פאַר ייִדיש, װען זײ באַנוצן אין דער מערהײט פון זײַערע "ייִדיש–דעפיניציעס די
רעזיגנירטע שװאַרצע רעמעלעך–פאַרמען: ג ע װ ע ן ... און "ע ס ה אָ ט ... און װעלטן,
װעלטן דעם נאָך לעבעדיקן " ע ס א י ז. אפשר האָבן מיר א טעות? –הלװאַי!
זאָגט דער "װאָ מיט רויקער װיסנשאַפטלעכער אָביעקטיװיטעט אַ ן פאַרדעכטיקטער
פּראָפּאַגאַנדע–מסירות אין זײַנע קאַלטע בעיסיק פּעקטס, אַז: ייִדיש איז די שפּראַך פון א באַדײַ–
טנדיקן טײל פון ייִדישן פאָלק איבער גאָר דער װעלט. עס האָט געדינט װי דער אויסדרוק פון
טאָג–טעגלעכן לעבן, פאַרן רעליגיעזן און װעלטלעכן במשך פון טויזנט יאָר א.אַזװ. רעװאָל–
מירט קאַריע אויף דער טרוקענער נשמה–לאָזער דעפיניציע, װײל: אונדזער ייִדיש איז געװען(?)
די מוטער שפּראַך, די פאָלקס–שפּראַך, די שפּראַך פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פון דער ייִדישער
פאָלקס–שאַפונג א.א.װ. און הײַנטיקע מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אין די טאָג טעגלעכע בעיסיק פּעקטס
פאַר דער ייִדישער יוגנט, איז ייִדיש –נישט דאָס און נישט יענץ.
אין די לעבעדיקע בעיסיק פּעקטס פון דער טרויעריקער װאָר, איז ייִדיש:
1)דער גרינגער לשון פון די שלימזלים, װעלכע קומען פון דער פינצטערער אײראָפּע, ביז װאַנען
זײ גרינגען זיך אויס.
2)דער װיסטער זשאַרגאָן פון דאָס ביסל פאַרפאַלענע אַלטװאַרג, װעלכע קאָנען זיך נעבאַך נישט
אַרויספּאַרבעטן אויף אַ לײַמישן ענגליש.
3)אַז אויב ייִדיש איז ערגעץ װוּ, אַמאָל געװען אַ שפּראַך, איז עס שוין נישט מער. אין אַמעריקע
איז דאָס אַלנפאַלס אַ מאָדנהדיקע קאַמשעבוטשע, אַ צופּיק–זשאַרגאָן װאָס צעלײגט זיך און צעפאַלט
און װ ו, איז דאָס נאָך אַ שפּראַך? אַז אין רוסלאַנד –זאָגן אַלע ייִדיש–אַנהײנגער אַלײן–גײט דאָס
אונטער, אין ארץ ישׂראל און אין די ד.פּי. לאַגערן אפילו, גולמן נאָך לגבי ייִדיש ...
אויך אין מערב–אײראָפּע איז דאָס שוין און ערב–תּפלער יאָרן געװען מער
פּירנקערגער געזעצן, אין סורא אויף דער
שוכן עפּר װי שפּראַך, אַפּשיטע הײַנט בײַ די רעשטל–ייִדן װאָס לעבן נאָך אין
ארישער זײט –װו זשע איז דאָס אַ שפּראַך?
4)ייִדישע ליטעראַטור? אַלץ אײנס, אויב מאַכט זיך אָנגעהויבן מיט אליהו בחור אָדער דער
תנ"ך איז דאָסגלײַכן איר פונדאַמענט, הײַנט איז דאָס, אַן אָפּגעבליאַקעװעטער שילד, פאַר די
צופעליקע ביכלעך, װאָס עפּעס אַ לאַנדסמאַנשאַפט, אָדער סתם אַ גרופּע פון מער װײניקער אַרויס–
געאַרבעטע אַלטע גוטע פרײַנד זײַנען זיך מרחם אויף אַ לאַנדסמאַן עבאָך, און מען גיט אַרויס
זײַן װערק אין 500 עקזעמפּלאַרן פאַר דער 5 מיליאָניקער ייִדישער אַמעריקע. און אויף צו
פאַרהאַנדלען די סחורה נישט־דערגעהאַלטן, דאַרף מען נאָך מאַכן קאַמפּײַנען און שיקן פאַרטרעטער
אין די אַרומיקע לענדער. און "נאָכן אויסבעטלען די פּאָר הונדערט שמאַלערס, זאָל נאָך א
האַלבע אויפלאַגע צוגעלעגן װערן בײַם מחבר און אַ גוטע װעלט פון די פ א ר ק ו י פ ט ע
ביכער, זאָלן זיך װאַלגערן בײַ זײַערע אײנהאַבער נישט אויפגעעפנטע אפילו.
5)ייִדישע פּרעסע? פּעריאָדיק? װאָס דרוקן זיך אין אַזױפיל אַרטאָגראַפיעס, װיפל צײַטונגען און
זשורנאַלן סדרשײַנען נאָך און װאָס באַשטײט שוין אײגנטלעך פון פיר טאָגבלעטער, װאָס שטומפּן
זיך אײַן פון מעת לעת, מיט י ע ר ע ר לװיה פון א באַבן און א ייִדן.
6) ייִדיש טעאַטער ? $$$$$ פּאַרטוקין–סקולניקטע קונץ טעמפּלען אויף סעקאָנד עװעניו אויף
דעם אָפּשוילעבן איטמט סײדער זשאַרגאָן?
אָט דאָס אַן ערך, זײַנען די טרויעריקע בעיסיק פּעקטס אַבאַוט "ייִדישװאָס דער יונגער דור
האָט פאַרסך–הכּלט פון אַמעריקאַנער "ייִדיש–לעבן און א ז א קולטור–ירושה מוחל געװען
במחילה גמורה. און נישט נאָר די אַמעריקאַנער געבוירענע און דערצויגענע, װאָס האָבן דעם
פּולגלוטיקן, שפּרודלדיקן "ייִדיש–לעבן און שאַפן נישט געזען און מאַיז זײ אײן די אַמעריקאַנער
באַדינגונגען אפילו שװערלעך זיך פאָרצושטעלן װי געװעריק אזא עקזיסטענץ קען זיך אָפּ–
פון ד ע ם "ייִדיש–לעבן, נאָר אונדזערע עטעטע יוגנטלעכע, געבוירענע און דערצויגענע
אין די אײראָפּעישע ייִדישע קינדערגאָרטנס, פאָלקס–שולן, גימנאַזיעס און סעמינאַרן, פאַר װעמען
ייִדיש איז דער בעיסיק פּעקטס װאָס פליסט אין זײער בלוט, טוען באַין ברירה דאָסזעלבע, װען זײ
קומען אַריבער אין די שטאַטן און דרוסריקע אַמעריקאַנער לענדער.

–פאָרטזעצונג–

ווונטשפריך אין, וואס אויב די אמעריקאנער געבוירענע ידישע יוגנט קערם
דער אינציגער ...ידישקייט גלייכגילטיק אדער אפילו מיט פאראכטונג, ט ר ע ט ן א פ די
זיך אפ פון ... עמיגראנטן־יוגנט, מיט ב א ד ו י ע ר ן. אין תוך, זיינען אבער פירע
ידיש־דערצויגענע ניט יענע, ו י ל ן זיין די טרעגער און די יורשים פון איסט־סיידער
אייניקונים־... און ... פון ידישן טעאטער. פון דער נדבות און
זשארגאן ... קהל וואס שענקט דעם נאמען פון ידישער פרעסע, וואס פארגעט
זשארגאן. פון ... און פארשפרייטונג פון ידישן בוך. פון דער ידישער צונאבדערציונג, וואס דארף
רחמנות־פארלעגער ... פון דער קעלערדיקער ידישער ... ליבע און חמשך.
צוזאמען מיטן אלטן דור. און פון דער 7־טאגיקער וואך ידיש־מיטן, גלויבן,
דאס פארפלאנגען אין צוויי שעה פון דער ידיש און ידישקייט־אנגריף אין
... פאר..יקטער, פעסט און ברייט ארגאניזירטער ידיש, אין יעדן שטאט
א ל ע אמעריקעס, וואס זאל מאבליזירן און פאראייניקן אלע מעגלעכע כוחות אין יעדן
און שטעטל ארום ידישקייט: ידישע מאג־שולן אין י ע ד ן ישוב, צענטראליזירטן
פארלאגס־וועזן, סמאב־ילע און האנדערנדע געזעלשאפטלעכע ידישע קונסט־טעאטער א.א.וו.
דאס, און הינט זיין איינער פון די איבערצייגנדיקסטע בעסיק פעקט, וואס זאל באקערן צו
ידיש לשון און לעבן די פארפרעמדטע יוגנט און פארהאמעווען דעם אפגאנג פון פארהאמעטן
פארפיזנעטען און פארקערטלטן עלטערן דור.
אפשר וועט דער אלוועלטלעכער ידישער קולטור־קאנגרעס דעם בעסיק פעקט נעמען פאר־
אינקלעכן אין לעבנזקיין אנדער אינסטיטוציע איז דאס לידער אליין ניט בכוח צו טאן.
אין ביז דאן –
זאלן זיין געזונט די הענט פון א ל ע, וואס טראגן יעדער אויף זיין שטייגער, לויטזיינע
מעגלעכקייטן און אנשטריינגונגען, צ י ג ל, צו דעם פאלקסדבנין, וואס הייסט ידיש
לשון, ידיש לעבן, קיום און המשך.

ליזער ר א ן.
האוואנא/קובא/

דער אײנציגער אונטערשײד איז, װאָס אױב די אַמעריקאַנער געבױרענע ײדישע יוגנט קערט
זיך אָפּ פון ײדיש־ײדישקײט גלײַכגילטיק אָדער אַפּילו מיט פאַראַכטונג, ט ר ע ט ן אָ פּ די
ײדיש־דערצױגענע עמיגראַנטן־יוגנט, מיט ב א ד ױ ע ר ן. אין תוך, זײַנען אָבער בײדע
אײניקלעך די און ניט יענע, װ ע ל ן זײַן די טרעגער און די יורשים פון אײסט־ײדער
זשאַרגאָן. פון שונד־תהום װאָס שענקט דעם נאָמען פון ײדישן טעאַטער. פון דער נדבות און
רחמנות־פאַרלעגער און פאַרשפּרײטונג פון ײדישן בוך. פון דער ײדישער פּרעסע, װאָס פאַרגײט
צוזאַמען מיטן אַלטן דור. און פון דער קעלערדיקער ײדישער צוגאָב־דערציִונג, װאָס דאַרף
דאָס פאַרפּלאָנטן אין צװײ שעה פון דער 7־טאָגיקער װאָך ײדיש־מיטן, גלױבן, ליבע און המשך.
בלױז אַ פאַרנינקטער, פעסט און גרײט אָרגאַניזירטער ײדיש און ײדישקײט־אַנגריף אין
א ל ע אַמעריקעס, װאָס זאָל מאָביליזירן און פאַרנינקן אַלע מעגלעכע כּוחות אין יעדן שטאַט
און שטעל אַרום ײדישקײט: ײדישע מאַג־שולן אין י ע ד ן ישוב, צענטראַליזירטן
פאַרלאַג־װעזן, שמאַלע און האַנט־פירנדע געזעלשאַפטלעכע ײדישע קונסט־טעאַטער ע.א.װ.א.
דאָס, װאָס זײַנען אײנער פון די איבערצײַגנדיקסטע בעסיק פּעקט, װאָס זאָל באַקערן צו
ײדיש לשון און לעבן די פאַרפּרעסטע יוגנט און פאַרהאַמעװען דעם אָפּגאַנג פון פאַרהאַװעטן
פּרעפּיזנטעטן און פאַרקערטלטן עלטערן דור.
אפשר װעט דער אַלװעלטלעכער ײדישער קולטור־קאָנגרעס דעם בעסיק פּעקט נעמען פאַר־
אימקלעכן אין לעבן קײן אַנדער אינסטיטוציע איז דאָס לײדער אַלײן ניט בכּוח צו טאָן.
אין ביז דאַן —
זאָלן זײַן געזונט די הענט פון א ל ע, װאָס טראָגן יעדער אױף זײַן שטײגער, לױט זײַנע
מעגלעכקײטן און אָנשטרענגונגען, צ י ג ל, צו דעם פאָלקסדענקמאָל װאָס הײסט ײדיש
לשון, ײדיש לעבן, קיום און המשך.

לײזער ר אַ ן.
האַװאַנאַ/קובאַ/